## פֿופֿציק שאָטירונגען (נעאָ)קאָלאָניאַליזם אין רוסישער פֿילם-פּראָדוקציע

יוליאַ קאָוואַלענקאָ (קינאָ-קריטיקערין און פּראָגראַמירערקע פֿונעם "דאָקודייז מענטשן-רעכט פֿילם-פֿעסטיוואַל")

2009, אין אַ פֿילם פֿון דער אַנימאַציע בעל-משפּחה (Family guy) האָבן די פּערסאָנאַזשן אַ טרעפֿונג מיט פּוטין'ען, וואָס באַווײַזט זיי דעם רוסישן הומאָר דורך אַן אין גאַנצן אומפֿאַרשטענדלעכן שטיקל פֿון "יעזשיק אינעם נעפּל" פֿון יורי נאָרשטיין. אין אַן אַנדער עפּיזאָד, אין 2011, האָט קליינער סטיווי מורא צו ווערן באַשטראָפֿט און פֿאַרשיקט קיין סיביר, ווו אַ מגושמדיק ווײַב אין אַ פּעלצמאַנטל קאָרמעט אים מיט וועלפֿישער מילך אין אַ קאַלטער כאַטע, בעת זי אונטערהאַלט אים מיט שווערע פֿילאָסאָפֿישע רוסישע קאַריקאַטורן וואָס אַנטהאַלטן טיפֿע אַלעגאָריעס.

ס'איז קלאָר: די לעצטע יאָרצענטליקער האָט די הצלחה פֿון רוסישע פֿילמען אַ שײַכות מיט אָט די איבערגעטריבענע סטערעאָטיפּן, וואָס פֿאָרן צונויף אַ רויע וואָר מיט טיפֿע באַטראַכטונגען.

מעשׂיות וועגן גראָבע פֿאַרכמורעטע פּערסאָנאַזשן וואָס פּרוּוון איבערלעבן אין אַן אומפֿילעוודיקער סבֿיבֿה צווישן האַלב-אײַנגעפֿאַלענע אָרעמע הײַזקעס, און זוכן פֿאַר-איין-וועגס פּאָעזיע אין אַלצדינג און רעדן טיפֿע חכמות: דאָס זײַנען קלאַסישע יסודות פֿון דער אַזוי-גערופֿענער רוסישער רויער זײַט, וואָס דער מערבֿדיקער עולם האָט אַזוי ליב. נעם למשל דעם פּערסאָנאַזש לעוו אַנדראָפּאָוו אין "אַרמאַגעדאָן" פֿון מײַקל ביי (1998), אַ גראָבער רוסישער קאָסמאָנויט וואָס באַגעגנט זיך מיט זײַנע אַמעריקאַנער קאָלעגן אין דער קאָסמאָס-סטאַנציע "מיר". יאָ, ער האָט אַ נטיה צו לייזן טעכנישע פּראָבלעמען דורך האַקן מיט מוטער-שליסלען, נאָר ראַטעווען ראַטעוועט ער לעבנס.

קורץ, אָט די דאָזיקע ווײַטע, קאַלטע, אָנגעכמורעטע וועלטן טראָגן מיט זיך עפּעס אַן אײדלקייט, וואָרהאַפֿטיקייט און עקזאָטישקייט פֿון דער מאָדערנער אָרוועלישער פּאָליטישער וואָר אין רוסלאַנד. אפֿשר דער קלאָרסטער בײַשפּיל דערפֿון איז אַנדריי זוויאַגינצעוו'ס "לוויתן" (2014). דאָס איז אַ טראַגישע מעשׂה אָן אַ "העפּי ענד". אַ מעשׂה פֿון אַ כמורנעם מענטשעלע אין אַ פֿאַרוואָרפֿן רוסיש ווינקעלע, וואָס שטעלט זיך אַקעגן די חוצפּהדיקע קאָרומפּירטע פֿונקציאָנערן פֿון פּוטין'ס רעזשים וואָס פּרוּוון אַרויסוואַרפֿן דעם מעטשעלע פֿון זײַן אייגענער שטוב. די מעשׂה אַנטוויקלט זיך קעגן דער פֿאָן פֿון שיינע ים-פּייסאַזשן, אָרעמע היימען, און אַ געזעלשאַפֿט ווו איטלעכער איז בוגד אין איטלעכן. די פּערסאָנאַזשן ציטירן דעם תּנ"ך, די מעשׂה איז אויך געגליכן צום ספֿר איובֿ, און די קירך, די קלויסטערשאַפֿט שפּילט זייער אַ פֿינצטערע ראָלע. אַזוי ווי אין זײַנע פֿריִערדיקע פֿילמען רעדט זוויאַגינצעוו דאָ וועגן רוסלאַנד דורך ביבלישע בילדער. אינעם גײַסט פֿון דער נײַגונג צו פֿאַרפּראַווען געוואַלט און סאָציאַלער צעפֿאַל מיט פֿילאָסאָפֿישע באַטראַכטונגען. פּונקט דאָס וואָס מען לאַכט אויס אין בעל-משפּחה (Family guy).

"לוויתן" האָט אָנגעמאַכט אַן אינטערנאַציאָנאַלע סענסאַציע. מערבֿדיקע קריטיקערס האָב געשריבן וועגן דער אויסערגעוויינטלעכער דערהויבנקייט און מאָנומענטאַלקייט פֿונעם פֿילם. ער האָט אַפֿילו געקראָגן אַ "גאָלדענעם גלאָבוס" אויסצייכענונג ווי "בעסטע פּרעמדשפּראַכיקער פֿילם" פֿון דער האָליוווּד אויסלאַנד-פּרעסע אַסאָציאַציע אין 2014: דער ערשטער רוסישער פֿילם זינט 1967 (טאָלסטוי'ס "קריג און פֿרידן" דורך סערגיי באָנדאַרטשוק).

הײַנט, ווען די אוקראַיִנישע קינאָ-געמיינשאַפֿט האָט די מערבֿדיקע קאָלעגן געבעטן צו בויקאָטירן דעם רוסישן קינאָ אין גאַנצן, איז דאָס פֿאַר אַ סך לײַט געקומען ווי אַן איבערראַשונג. פֿאַרוואָס ווילן אוקראַיִנער פֿאַרשטומען אַפֿילו די קולות וואָס זענען קריטיש צום קרעמל, אַזוי ווי זוויאַגינצעוו. באַווײַזן זיי דאָך אַלע שרעקן פֿון פּוטין'ס רוסלאַנד!

נאָר אַזוי ווי דער אוקראַיִנישער רעזשיסאָר און קינאָ-קריטיקער יוריִ כריצינאַ האָט לעצטנס באַמערקט: ניט בלויז וואָס די אונטערשטע שורה פֿונעם אַלעגאָרישן "לוויתן" (און אַנדערע רוסישע פֿילמען וועגן די שאָטן-זײַטן פֿון לעבן) איז: זאָלסט ניט אָנהייבן מיט דער רוסישער מאַכט: וועסט אַלץ אָנווערן און לעבן אין דחקות צווישן חורבות, אָדער שטאַרבן. ניין, מעגלעך אַפֿילו אַז פּונקט וועגן דעם אָנזאָג האָט דער רוסישער

קולטור-מיניסטעריום געשטיצט דעם פֿילם. ניט נאָר האָבן אָט די פֿאַטאַליסטישע און עקזאָטישע פֿילמען אַ קאָמערציעלע הצלחה אויפֿן מערבֿדיקן מאַרק, פֿאַרקויפֿן זיך גוט און העלפֿן פֿאַרשפּרייטן רוסלאַנדס קולטורעלע השפּעה. די דאָזיקע פֿילמען שטיצן אויך פּוטין'ס רעזשים וואָס זיי "קריטיקירן". ווי אַזוי? אַזוי לאַנג ווי מע פֿאַרקויפֿט זיי אין דער מערבֿדיקע וועלט העלפֿן זיי אונטער, ריין צו וואַשן די מלוכה און פּוטין'ס רעזשים: גיט אַ קוק, דאָס איז רוסלאַנד, אַ מאַכטיקע מלוכה וואָס פֿאַטראָנירט און גיט די וועלט מאָנומענטאַלע פֿילמען אויפֿן ניוואָ פֿון *קריג און פֿרידן*; דאָס הייסט אַז די טווּנגען פֿון דער מאַכט זײַנען, חוץ עטלעכע שוועריקייטן, גערעכט, וואָרעם די וועלט טאָלערירט זיי.

צו די אַלע סיבות ניט צוזאַמען צו אַרבעטן מיט דער רוסישער קינאָ-אינדוסטריע, קומט נאָך אַ יאָרהונדערט פֿון רוסישער (נעאָ-)קאָלאָניאַלער פּאָליטיק, אַרויפֿגעצוווּנגען אויף אוקראַיִנע אַפֿילו אויפֿן געביט פֿון קינאָגראַפֿיע. ס'איז כדאַי צו באַמערקן: ווען די רוסישע פֿילם אינדוסטריע, וואָס האָט רעפּרעזענטירט דעם גרויסן ראַטן-פֿאַרבאַנד פֿאַר דער וועלט, האָט געוווּנען דעם גאָלדענעם גלאָבוס מיט סערגיי באָנדאַרטשוקס פֿילמירונג פֿון *קריג און פֿרידן* (וואָס אָט דער ראָמאַן איז אַ רוסישע קולטור-איקאָנע), האָט אוקראַיִנע אויכעט אַרויסגעבערענגט אַ גלײַכוואָגיקן פֿילם פֿון אונדזער ליטעראַטור, *דער שטיינערנער צלם* (1968) פֿון לעאָניד אָסיקאַ.

דער סיפּור-המעשׂה, אויפֿן סמך פֿון צוויי קורצע דערציילונגען פֿונעם אוקראַיִנישן מחבר וואַסיל סטעפֿאַניק, הילכט אָפּ מיט מער ווי איין דור אוקראַיִנער. אין צענטער שטייט דער זינט דעם 18 יאָרהונדערט אַרכעטיפּישער פּערסאָנאַזש פֿון אַ פּויער וואָס ווערט באַדריקט דורך די קאָלאָניזאַטאָרן (ס'רוב אוקראַיִנע איז געווען באַזעצט דורך דער רוסישער אימפּעריע, בעת דער מערבֿ-טייל איז געווען אונטער דער האַבסבורג-אימפּעריע). דער הויפּט-פּערסאָנאַזש פֿונעם *שטיינערנעם צלם*, וואָס איז געווען באַשטימט כּל-ימיו אויף לאַנדאַרבעט און לעבן אין דחקות, דערוועגט זיך צו עמיגרירן. דער באַשלוס צו פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד, ווו ער האָט אַרײַנגעלייגט אַזויפֿיל האָפֿענונג און מי, קומט אים פֿאָר ווי דער טויט. אַנדערש ווי דער *קריג און פֿרידן* פֿילם האָט אָט דאָס מײַסטערווערק פֿון פּאָעטישער קינעמאַטאָגראַפֿיע קיינמאָל ניט געקראָגן קיין פּרעסטיזשפֿולע פּריזן. ער שטייט יאָ אויפֿן 5טן אָרט אין דער רשימה פֿון די בעסטע 100 אוקראַיִנישע פֿילמען, לויט אַן איבערבליק, דורכן אָלעקסאַנדר דאָוזשענקאָ פֿילם צענטער, פֿון נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע פֿילם רעצענזיעס.

ס'איז, פֿאַרשטייט זיך, נאַיִוו צו פּרוּוון אָפּענטפֿערן די פֿראַגע פֿאַרוואָס פֿון די צוויי אין ראַטן-פֿאַרבאַנד פּראָדוצירטע פֿילמען *קריג און פֿרידן* האָט אויסגענומען אין דער גאָרער וועלט און *דער שטיינערנער צלם* איז צענטליקער יאָרן פֿאַרבליבן אין די קוליסן. סײַ ווי בלײַבט די קשיא: וואָס וואָלט געשען מיט אוקראַיִנישער קינאָגראַפֿיע בכלל און דעם *שטיינערנעם צלם* בפֿרט אויב די אוקראַיִנישע קינאָ-אינדוסטריע וואָלט ניט אונטערגעדריקט געווען דורך מאָסקווע; אויב רוסישע צײַטשריפֿטן ווי ("פֿילמקונסט") וואָלטן ניט פּובליקירט שאָוויניסטישע רעצענזיעס, אָנרופֿנדיק לעאָניד אָסיקאַ "פֿוטיל" און זײַן קוק אויפֿן עבֿר "שטײַף"; אויב *דער שטיינערנער צלם* וואָלט ניט, מיט אַנדערע אוקראַיִנישע פֿילמען, אַראָפּגענומען פֿון דער רשימה צוגעלאָזענע פֿילמען? אָט די רעטאָרישע פֿראַגעס האָבן אַ נאָענטן שײַכות צום רוף פֿון דער מאָדערנער אוקראַיִנישער קינאָגראַפֿישער געמיינשאַפֿט צו בויקאָטירן דעם רוסישן קינאָ.

נאָך עפּעס. אין די 1920ער איז אוקראַיִנע געווען דער וועלטס צווייטגרעסטער פֿילם-עקספּאָרטירער קיין דײַטשלאַנד (די פֿ"ש דער גרעסטער). אוקראַיִנישע פֿילמען האָט מען אַרויסגעברענגט אין די פֿ"ש, פֿראַנקרײַך, יאַפּאַן. חוץ אָלעקסאַנדר דאָווזשענקאָ און דזיגאַ ווערטאָוו האָט די וועלט געוווּסט די נעמען פֿון רעזשיסאָרן געאָרגי טאַסין, געאָרגי סטאַבאָוויִ, פּעטראָ טשאַרדינין און אַנדערע. אָט דער אויפֿקום פֿון אוקראַיִנישער קענאָגראַפֿיע איז געווען די אַרבעט פֿון דער קינאָ-אַגענטור ווופֿק"ו (אַל-אוקראַיִנישע פֿאָטאָ/קינאָגראַפֿיע אַדמיניסטראַציע). עטלעכע יאָר נאָך איר עטאַבלירונג האָט די אָרגאַניזאַציע איר פּראָדוקציע פֿאַקצענפֿאַכט (צען מאָל געכפֿלט). זיי האָבן צוזאַמענגעאַרבעט מיט אויסלענדישע פֿירמעס ביז זיי האָבן געקאָנט ניצן זייער אייגן געלט אויף צו קויפֿן מאַטעריאַלן און נײַע פֿילנען פֿאַר אוקראַיִנע.

אָפּגערעדט פֿונעם עקאָנאָמישן סוקצעס, האָבן זיי אויך געהאַט גוטע באַציִונגען מיט אוקראַיִנישע אינטעליגענטן. וואָגיקע שרײַבער ווי יורי יאַנאָווסקי, מײַק יאָהאַנסען, יצחק באַבעל און וואָלאָדימיר יאַראָשענקאָ האָבן געאַרבעט אויף די סצענאַרן.

אַזאַ הצלחה האָט ניט געקאָנט בלײַבן אומבאַמערקט אין מאָסקווע, וואָס האָט זיך דעמלט שוין אָנגעשטרענגט צו צענטראַליזירן איטלעכע טווּנג אין איטלעכן תּחום פֿון איטלעכער אײַנגענומענער מיטגליד-מלוכה פֿונעם פֿריש-געגרינדעטן סאָוועטן-פֿאַרבאַנד. אַזוי האָט מען אַוועקגעשטעלט דעם סאָווקינאָ אַסאָציאַציע ווי אַ נאָכפֿאָלגער פֿון רוסישע קינאָ-פֿירמעס. כאָטש ווופֿק"ו האָט נאָך געהאָט עפּעס וואָס אויטאָנאָמיע, האָט סאָווקינאָ זיי געזען ווי אַ קאָנקורענט און געפּרוּווט אונטערגראָבן זייער הצלחה, שאַפֿנדיק באַדינגונגען ווו בלויז מאָסקווע וואָלט געווען דער הויפּט פֿילמצענטער אינעם גאַנצן ראַטן-פֿאַרבאַנד. ווען זיי האָבן שוין געהאַט דעם מאָנאָפּאָל אויף אימפּאָרט און עקספּאָרט פֿון פֿילמען פֿאַרן סאָוועטן-פֿאַרבאַנד, האָט סאָווקינאָ אָפּט געשטערט ווופֿק"ו'ס אינטערנאַציאָנאַלע צוזאַמענאַרבעט און צומאָל אַפֿילע אומלעגאַל פֿאַרביטן דעם קינאָגראַף'ס פֿירמע מיט אַ רוסישער. אויסער דעם האָט סאָווקינאָ אָנגעהויבן שטעקן אַ פֿלאָקן אין ראָד פֿון דער אוקראַיִנישער פֿילם-פֿאַרשפּרייטונג אין רוסלאַנד: ווען ס'זענען געגאַנגען 20 אוקראַיִנישע פֿילמען אין די אוקראַיִנישע קינאָס, האָט רוסלאַנד גענומען בלויז 6 אוקראַיִנישע פֿילמען. פֿאַר אַ צולאָג האָבן זיי אויפֿגעצווּונגען די צענטראַליזירונג פֿון מעקלערשאַפֿט און דיסטריבוציע, נעמענדיק 65% פֿאַר סאָווקינאָ און איבערלאָזנדיק  נאָר 20% פֿאַר ווופֿק"ו. אַ פּאָר יאָר שפּעטער, נאָך דער אַלפֿאַרבאַנדישער פּאַרטיי-קאָנפֿערענץ וועגן קינאָ פֿון 1930, איז געקומען דער סוף פֿאַר דער אוקראַיִנישער אַגענטור. אויף איר אָרט האָט מען געשטעלט "אוקראַיִנעפֿילם", וואָס איז שוין ניט געווען אויטאָנאָמיש, נײַערט אין גאַנצן אונטערגעאָרדנט צו מאָסקווע. אין די פֿאָלגנדיקע יאָרן האָט די וועלט געזען ווי אוקראַיִנישע קינסטלער זײַנען גערודפֿט און דערשאָסן געוואָרן, אַזוי ווי מײַק יאָהאַנסען (1937), וואָלאָדימיר יאַראָשענקאָ (1937), יצחק באַבעל (1939) און אַנדערע אוקראַיִנער קינסטלערישע אינטעליגענטן. אָט דעם גאַנג רופֿט מען "די דערשאָסענע רענעסאַנס". אָט דער שענדלעכער טעראָר האָט גורם געווען אַן עקאָנאָמישע און שעפֿערישע סטאַגנאַציע אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן. ווו וואָלט די אוקראַיִנישע קינאָגראַפֿיע הײַנט געווען, אויב רוסלאַנד וואָלט ניט געלייגט שטעקנס אין אירע רעדער?

הײַנט האָבן זיך די נעאָ-קאָלאָניאַלע אופֿנים צו פֿאַרשטיקן אונדזער לאַנד שטאַרק פֿאַרבעסערט. מיר וואָלטן געקאָנט שמועסן שעהען-לאַנג וועגן דער פּראָדוקציע פֿון רוסישע טעלעוויזיע-פֿעליעטאָנען, וואָס האָבן מיט זייער ביליקייט פֿאַר 2013 איבערגענומען די אוקראַיִנישע טעלעוויזיע-עמיסיעס. זיי האָבן אויסגענוצט אוקראַיִנישע פּערסאָנאַזשן, אָפּמאָלנדיק זיי ווי נאַרישע, קאָמישע אָדער גײַציקע לײַט, אַזוי אַרום שאַפֿנדיק אַ קאָלעקטיווע קאַריקאַטור פֿון אוקראַיִנער. זען למשל דעם הויפּט-פּערסאָנאַזש, וויקאַ, אין *מײַן שיינע ניאַניע* (2004-2009) און פּראָפּאָרשטשיק (קאָרנעט) שמאַטקאָ אין *סאָלדאַטן* (2004-2014), ווי אַ משל. און דאָס נאָך אַ לאַנגער תּקופֿה ווען מען האָט די אוקראַיִנישע אינטעלעקטואַלן גערודפֿט און דערהרגעט!

לאָמיר זיך פֿאָרשטעלן די צאָל מענטשן וואָס זענען (געווען) אַ טייל פֿון דער דאָזיקער מאַשינעריע, און מיר האָבן שוין אַ תּשובֿה צו דער פֿראַגע אויב פּוטין איז איינער אַליין פֿאַרענטפֿערלעך פֿאַר אָט דער שאָוויניסטישער פּאָליטיק און דער איצטיקער מלחמה.

נאָך אַן אַנדער משל פֿון דער נעאָקאָלאָניאַלער רוסישער פּאָליטיק לגבי קינאָגראַפֿיע. קודם־כּל: יעדער אַרויסברענג פֿון אַן אויסלענדישן פֿילם הייבט זיך אָן מיט אײַנשאַפֿן די רעכט פֿונעם פֿאַרשפּרייטער אָדער פּראָדוצירער. כאָטש די אוקראַיִנישע קינאָלײַט זענען זייער פֿעיִק און וויליק צו טרײַבן געשעפֿטן מיט זייערע אויסלענדישע קאָלעגן, ווערן די אוקראַיִנער אָפֿט איבערגעשיקט צו זייערע רוסישע קאָלעגן. די סיבה איז אַ פּשוטע: רוסישע פֿירמעס דערווערבן די רעכט צו פֿאַרשפּרייטן מערבֿדיקע פֿילמען אינעם גאַנצן "שטח", ס'הייסט די טעריטאָריע פֿון דער פֿאַנטאָם-אימפּעריאַלער בונד: דער *בונד פֿון אומאָפּהענגיקע מלוכות* , ווו זיי רעכענען אוקראַיִנע נאָך אַלץ אַרײַן, כאָטש זי איז שוין לאַנג אַרויס. אַזוינע

SHARE The TRUTHS.ORG

קאָנשאַכטן זענען נישט נײַ, נאָר ס'איז אַ צינישער משל פֿון נעאָקאָלאָניאַליזם אַז די אוקראַיִנישע קינאָ-אינדוסטריע דאַרף נאָך אַלץ, נאָכן פֿאַרכאַפּן דעם קרים און האַלטן מלחמה אין מיזרח-אוקראַיִנע, צאָלן דעם אַגרעסאָר אָדער אָפּזאָגן זיך פֿון עטלעכע וועלטפֿילמען. איינע פֿון די אַרויסזאָגונגען פֿון פּוטין'ען וואָס זאָלן לעגיטימירן רוסלאַנדס אָקופּירן אוקראַיִנע איז אַז אוקראַנע האָט, להפּוך צו רוסלאַנד מיט זײַן באַלעט, ליטעראַטור און קינאָגראַפֿיע, ניט קיין אייגענע געשיכטע, אַז ניט קיין אוקראַיִנישע קונסטווערק זענען אַרײַן אינעם אוצר פֿון דער וועלטקולטור, אַז אוקראַיִנע האָט ניט קיין טאָלסטוי, באָנדאַרטשוק אָדער זוויאַגינצעוו. ווייס די וועלט אָבער וויפֿל שיינע אוקראַיִנישע געמעלן האָבן געדאַרפֿט פֿאַרבלײַבן אין די הינטערקוליסן פֿון דער אימפּעריאַלער רוסישער קולטור? און וויפֿל אַזוינע ווערק זײַנען גאָרניט געשאַפֿן געוואָרן צוליב אָט דער אימפּעריאַלער רוסישער קולטור? סוף־כּל־סוף, האָט די רוסישע אימפּעריע ניט געשטעלט טאָלסטוי, באָנדאַרטשוק און זוויאַגינצעוו אין פֿאָדערפֿאָן נאָך די אַכזריותדיקע מערדערײַען אין בוטשע, גאַסטאָמליע, אירפּען און אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין אוקראַיִנע?

דורך צוזאַמענאַרבעט מיט רוסישע קינאָגראַפֿן בשעת רוסישע ראַקעטן צעשטערן אוקראַיִנישע שטעט, אונטערשטיצן אונדזערע אויסלענדישע קאָלעגן לײַדער רוסלאַנדס אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק. וואָרעם נעאָקאָלאָניאַליזם איז קודם־כּל אַ פֿאַרלאַנג סײַ ווי אָן צו האַלטן די אייגענע (השפּעה-)תּחומים.